בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת בא
ו שבט
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 15
(67)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועןן אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. נָאךְ מוּסָף אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען דִי קִידּוּשָׁא רַבָּא פוּן בַּת הַנּוֹלָד לְ... נֵרוֹ יָאִיר, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ. פַּאר'ן פָּארְלֶערְנֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: גֶעוֶוענְלִיךְ לֶערְנֶען מִיר נִישְׁט פָאר בַּיי אַ שִׂמְחָה, אָבֶער אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל שִׂמְחָה הָאט גֶעבֶּעטְן וֶועלְן מִיר פָּארְלֶערְנֶען.

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אַז מֶען הָאט פַּארְטוּישְׁט דֶעם בֶּן מֶלֶךְ מִיטְ'ן בֶּן שִׁפְחָה. וֶוען דֶער בֶּן שִׁפְחָה אִיז גֶעוָוארְן קֶענִיג הָאט עֶר פַאַרְטְרִיבְּן דֶעם אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין וַואלְד, שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער בֶּן שִׁפְחָה אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין אִין וַואלְד אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער קְנֶעכְט פוּנֶעם אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

בַּיי נַאכְט אִיז אָנְגִיקוּמֶען דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד אוּן הָאט זֵיי גִיגִיבְּן עֶסִין אוּן טְרִינְקֶען. אוּן זֵיי הָאבִּין דָארְט אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט. אַקֶעגִין טָאג הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט דָאס גְרוֹיסֶע גִילֶעכְטֶער (הַנַּ"ל) בִּיז אַלֶע בֵּיימֶער הָאבִּין גִיצִיטֶערְט. סֶע הָאט גִיבְרָאכִין אַלֶע בֵּיימֶער (דָאס קוֹל פוּן דֶעם גִילֶעכְטֶער) הָאט עֶר אִים אָנְגִירֶעט (דְהַיְינוּ דֶער קְנֶעכְט הָאט אָנְגִירֶעט דֶעם אֱמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז זַיין הַאר) אַז עֶר זָאל פְרֶעגִין דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד. וָואס דָאס אִיז. הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט. וָואס אִיז דָאס אַזוֹי אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער נָאנְט צוּ טָאג. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. דָאס לַאכְט דֶער טָאג אוֹיס דֶער נַאכְט. וָוארִין דִי נַאכְט פְרֶעגְט דֶעם טָאג. פַארְוָואס אַז דוּ קוּמְסְט. הָאבּ אִיךְ קֵיין נָאמֶען נִיט. טוּט דֶער טָאג אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער. אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט טָאג. אוּן דָאס אִיז דָאס גִילֶעכְטֶער וָואס מֶע הֶערְט נָאנְט צוּ טָאג. אִיז דָאס בַּיי אִים אַ גְרוֹיס ווִינְדֶער גִיוֶוען. וָוארִין דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ ווִילְדֶע זַאךְ. אַז דֶער טָאג לַאכְט אוֹיס דֶער נַאכְט (פְרֶעגִין וַוייטֶער הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט. אַז יֶענֶער עֶנְפֶערְט אַזוֹי אַ לָשׁוֹן).

אִין דֶער פְרִיא אִיז ווִידֶער דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אוּן זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיגֶעסִין אוּן גִיטְרִינְקֶען. בַּיינַאכְט אִיז עֶר ווִידֶער גִיקוּמֶען. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיגֶעסִין אוּן גִיטְרוּנְקֶען אוּן הָאבִּין גִינֶעכְטִיגְט דָארְט. בַּיינַאכְט הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט. דָאס קוֹל פוּן דִי חַיּוֹת. וִוי זֵיי הָאבִּין אַלֶע גִישְׁרִיגְן אוּן גִיבְּרוּמְט מִיט ווִילְדֶע קוֹלוֹת. דֶער לֵייבּ הָאט גִישְׁרִיגְן. אוּן דֶער לֶעמְפֶּערְט הָאט גִיבְּרוּמְט מִיט אֵיין אַנְדֶער קוֹל. אוּן אַזוֹי דִי אִיבְּרִיקֶע חַיּוֹת. הָאט אִיטְלִיכֶע חַיָּה מִיט אֵיין אַנְדֶער קוֹל גִיבְּרוּמְט. אוּן דִי עוֹפוֹת הָאבִּין גִישְׁווִישְׁטְשִׁיט אוּן גִיקְנַאקְט. אוּן אַזוֹי אַלֶע הָאבִּין גִיבְּרוּמְט מִיט ווִילְדֶע קוֹלוֹת. אוּן אִין דֶער תְּחִילָה. זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִיט רֶעכְט צוּגִיהֶערְט צוּם קוֹל מֵחֲמַת פַּחַד. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי צוּ גִיבּוֹיגִין דִי אוֹיעֶרִין אוּן הָאבִּין זִיךְ צוּ גִיהֶערְט. הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט. אַז דָאס אִיז אֵיין קוֹל פוּן אַ נִיגוּן זֵי זִינְגֶען זֵייעֶר אַ ווָאוּילִין נִיגוּן וָואס סֶע אִיז אַ ווִילְד חִידּוּשׁ. הָאבִּין זֵיי זִיךְ נָאךְ מֶער צוּגִיהֶערְט. הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט. אַז סֶע אִיז אַ ווִילְד ווָאוּילֶער נִיגוּן וָואס סֶע אִיז זֵייעֶר אֵיין ווִילְד חִידּוּשׁ. וָואס סֶע אִיז אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער תַּעֲנוּג דָאס צוּ הֶערִין. וָואס אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט זֶענֶען אַלֶע גָאר נִישְׁט. אוּן טְרֶעפִין גָאר נִיט אָן. אַקֶעגִין דֶעם ווִילְד גְרוֹיסִין תַּעֲנוּג וָואס מֶע הָאט אַז מֶע הֶערְט דֶעם ווִינְדֶערְלִיכְן נִיגוּן.

## אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה

הֶערְנְדִיג בַּיינַאכְט דִי ווִילְדֶע קוֹלוֹת פוּן אַלֶע חַיּוֹת וָואס בְּרוּמֶען זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אָבֶער וֶוען זֵיי הָאבְּן צוּגֶעלֵייגְט אַן אוֹיעֶר הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט וִוי דִי חַיּוֹת זִינְגֶען זֵייעֶר אַ ווָאוּילֶער נִיגוּן, וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן. דָא אִיז מְרוּמָּז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער בְּזֶה הָעוֹלָם זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע זַאכְן, עֶס נִישְׁט דָא קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זָאל אִים גֵיין נָאר גוּט, אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֵייגְט צוּ אַן אוֹיעֶר, עֶר בֵּייגְט אַיין זַיין קָאפּ, וֶועט עֶר זֶען וִוי דִי אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער אִיז לְטוֹבָה.

## דִי וֶועלְט גֵייט אוּנְטֶער...

דִי ווִילְדֶע קוֹלוֹת פוּן דִי חַיּוֹת - דָאס אִיז דִי נֵייעֶס וָואס מֶען הֶערְט; מֶענְטְשְׁן וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן נֵייעֶס, מֶען הֶערְט אִין דִי נֵייעֶס: "**דִי וֶועלְט גֵייט אוּנְטֶער**"... "**נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט גֶעלְט מֶער נִישְׁט זַיין וֶוערְד**"... א.א.וו. אוּן מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ פַּחַד, אָבֶער אַז מֶען לֵייגְט גוּט צוּ דִי אוֹיעֶר, זֶעט מֶען אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט חֲסָדִים אוּן מִיט רַחֲמִים אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא אוֹיף וָואס זִיךְ צוּ שְׁרֶעקְן.

## צוּם שִׁיף מִיט עֶטְלִיכֶע חֲבֵרִים

עֶס אִיז דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (נִדָּה לא.; מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, קיח) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קיח, כא): "אוֹדְךָ כִּי עֲנִיתָנִי וַתְּהִי לִי לִישׁוּעָה". עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ פָארְן צוּ אַ וַוייטֶע לַאנְד אִין דִי מְדִינַת הַיָּם, ווִילְנְדִיג מַאכְן דָארְט גֶעשֶׁעפְטְן אוּן פַארְקוֹיפְן זַיין סְחוֹרָה, אָדֶער צוּלִיבּ אַ שִׁידּוּךְ וְכַדּוֹמֶה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם שִׁיף מִיט עֶטְלִיכֶע חֲבֵרִים, פַאר עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאט זַיין פוּס זִיךְ אַרַיינְגֶעהַאקְט אִין אַ הָאלְץ אוּן הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן פוּן פְּלַאץ, זֶענֶען דִי אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים אַלֵיינְס אַרוֹיסְגֶעפָארְן אוֹיפְ'ן לַאנְגְן וֶועג אוּן מֶען הָאט אִים אִיבֶּער גֶעלָאזְט.

## פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ מִיר אַזַא זַאךְ?

דִי גְמָרָא זָאגְט דֶעם לָשׁוֹן: "**הִתְחִיל מְחָרֵף וּמְגַדֵּף**", דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת צוּם

**אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיךְ בִּין אַ וואוילֶער אִיד, אִיךְ דַאוֶוען, אִיךְ לֶערְן, אִיךְ טוּ גוּטֶע זַאכְן, פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ מִיר אַזַא זַאךְ אַז אִיךְ זָאל זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן מַיין פוּס? פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ מִיר אַזַא זַאךְ אַז אִיךְ זָאל פַארְפַּאסְן דֶעם שִׁיף?"** אַזוֹי אִיז עֶר גֶעלֶעגְן אוֹיפְ'ן עֶרְד פַארְוֵוייטָאגְט פוּל מִיט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מֶען הָאט גֶערוּפְן הַצָּלָה אוּן מֶען הָאט אִים צוּרִיק אַהֵיימְגֶעבְּרֶענְגְט צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב, אַ וָואךְ צְוֵויי שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז דִי שִׁיף אִיז גֶעוָוארְן אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין וַואסֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן מִיט דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים קיח, כא): **"אוֹדְךָ"**, אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **"כִּי עֲנִיתָנִי"**, אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעפַּיינִיגְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צֶעבְּרָאכְן דִי פוּס, **"וַתְּהִי לִי לִישׁוּעָה"**, וַוייל דוּרְךְ דֶעם בִּין אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן וֶוערְן דֶערְטְרָאנְקֶען. זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ זֶעט עֶס אוֹיס וִוי אַ צָרָה, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען וִוי דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז אַ טוֹבָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.

## פוּן יֶעדֶע זַאךְ קוּמְט נָאר אַרוֹיס גוּטְס

דָאס דַארְף מֶען גוּט אַיינְ'חַזֶר'ן אִין זִיךְ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער קוּמְט אַרוֹיס דֶערְפוּן גוּטְס, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קיח, כב): **"אֶבֶן מָאֲסוּ הַבּוֹנִים הָיְתָה לְרֹאשׁ פִּנָּה"**, דֶער שְׁטֵיין וָואס דִי בּוֹי מֵייסְטֶער הָאבְּן פַארְ'מִיאוּסְ'ט, אִיז גֶעוָוארְן צוּ אַ הוֹיפְּט ווִינְקְל שְׁטֵיין; דַיְקָא וַוייל מֶען הָאט מִיר גֶענוּמֶען אוּן גֶעלֵייגְט אִין דִי זַייט, מֶען הָאט מִיר אַזוֹי אַוֶועק גֶעוָוארְפְן - דָאס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל הָאבְן אַ גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## עֶר דַארְף נִישְׁט קַיין 'תְּהִלִּים'...

לָאמִיר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דֶער מְצִיאוּת אִיז אַזוֹי, וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט עֶר וואוּ עֶר אִיז, עֶר פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, עֶר דַארְף נִישְׁט קַיין 'תְּהִלִּים', עֶר דַארְף נִישְׁט קַיין 'תְּשׁוּבָה', אֵיינְמָאל עֶס הֵייבְּט אָן אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן וֵוייטָאגְן, דֶעמָאלְט נֶעמְט עֶר אַ תְּהִלִּים אוּן זָאגְט אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, דֶעמָאלְט הֵייבְּט עֶר אָן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף זַיינֶע מַעֲשִׂים.

## אַן עוֹשֶׁר מִיט אַ תְּהִלִּים

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוער נֶעמְט אַ תְּהִלִּים? אַ עוֹשֶׁר נֶעמְט אַ תְּהִלִּים? אַן עוֹשֶׁר דַארְף אַ תְּהִלִּים? מֶען וֶועט נִישְׁט טְרֶעפְן אַן עוֹשֶׁר מִיט אַ תְּהִלִּים, אוֹיסֶער וֶוען מֶען רוּפְט אִים פוּן בִּיזְנֶעס אַז דִי בִּיזְנֶעס קְלַאפְּט נִישְׁט, מֶען רוּפְט אִים פוּן שְׁטוּב אַז אַ קִינְד פִילְט נִישְׁט גוּט, דֶעמָאלְט נֶעמְט עֶר שְׁנֶעל אַ תְּהִלִּים, דֶעמָאלְט דַארְף עֶר שׁוֹין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

## דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אוּן אַזוֹי זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא פָּרָשַׁת תֵּצֵא, סִימָן ב): **"צָרִיךְ אָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסוּרִין בָּאִין עָלָיו. לָמָּה, שֶׁהַיִּסוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא"**, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מַחֲזִיק טוֹבָה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ שֵׁיינֶער נִיגוּן

אִין אָנְהֵייבּ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁוֶועריְקֵייטְן, דִי בִּיזְנֶעס גֵייט נִישְׁט גוּט, אוּן יֶענְץ גֵייט נִישְׁט גוּט, וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אָבֶּער אַז דוּ לֵייגְסְט גוּט צוּ דַיין אוֹיעֶר גְלֵייבְּנְדִיג אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוּן אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּן אִים, וֶועסְטוּ זֶען אַז דָאס אַלֶעס אִיז אַ שֵׁיינֶער נִיגוּן, אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַארְ'ן טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

## אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְפִירְן פְּרָאסְט

דִי שְׁוֶוערֶע זַאכְן דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער; אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיךְ דַארְף גֵיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אִיךְ דַארְף גֵיין לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אוּן אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט דַארְף אִיךְ רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּב, רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ קֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט אוֹיפְפִירְן ווִילְד, אִיךְ קֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט אוֹיפְפִירְן פְּרָאסְט, נָאר אִיךְ מוּז רֶעדְן שֵׁיין.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה אַז דִי אִידְן הָאבְּן זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אִין מִצְרַיִם, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי ווִילְדֶע קוֹלוֹת פוּן פַּרְעֹה, אָבֶּער אַז מֶען לֵייגְט גוּט צוּ דִי אוֹיעֶרְן זֶעט מֶען אַז פוּן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ שֵׁיינֶער נִיגוּן, אַ וואוילֶער נִיגוּן; וַוייל בְּעֶצֶם אִיז דִי גְזֵירָה גֶעוֶוען מֶען זָאל אַרְבֶּעטְן אִין מִצְרַיִם 'פִיר הוּנְדֶערְט יָאר', אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזֶען אוֹיבּ דִי אִידְן וֶועלְן בְּלַייבְּן אִין מִצְרַיִם 'פִיר הוּנְדֶערְט יָאר' וֶועט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער בְּלַייבְּן פוּן דִי אִידְן, זֵיי וֶועלְן אַרַיינְפַאלְן אִין דִי נוּ"ן שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת גֶעהַאט, אוּן גֶעמַאכְט מֶען זָאל אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט צֶען יָאר, אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דִי אַרְבֶּעט פוּן פִיר הוּנְדֶערְט יָאר אִיז גֶעוָוארְן קַאנְצֶעטְרִירְט אִין בְּלוֹיז צְוֵויי הוּנְדֶערְט צֶען יָאר, אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פְרִיעֶר; קוּמְט אוֹיס אַז דִי גַאנְצֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה.

## לֶעבְּן אַנְשְׁטָאט גֶעלְט!

דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָמוֹן, סִימָן עד): **"לִפְעָמִים מִיתַת כָּרֵת נִתְחַלֵּף עַל עֲנִיּוּת"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוֹישְׁט אוֹיף 'כָּרֵת' אוֹיף אָרֶעמְקֵייט. אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ קַשְׁיָא **"פַארְוָואס מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ? פַארְוָואס וֶוער אִיךְ נִישְׁט רַייךְ? אִיךְ טוּ גוּטֶע זַאכְן, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן סְגֻלּוֹת, אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, כְּדֵי דֶער דִיעֶל זָאל מַצְלִיחַ זַיין אוּן צוּם סוֹף אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוָוארְן דֶערְפוּן"**, עֶס קֶען אָבֶּער זַיין, אֶפְשָׁר הָאט מֶען דִיר גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן אַנְשְׁטָאט גֶעלְט! הָאסְט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה וָואס קוּמְט זִיךְ דֶערוֹיף 'כָּרֵת' הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶערְפוּן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִיר אוּן גֶענוּמֶען דִי אַלֶע סְגֻלּוֹת, דִי אַלֶע קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, עֶס אִיבֶּער גֶעדְרֵיידְט אוֹיף לֶעבְּן אוּן אַוֶועק גֶענוּמֶען דִי גְזֵירָה.

## אַלֶעס זִינְגְט 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער', 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער'

אַז מֶען לֵייגְט גוּט צוּ דִי אוֹיעֶרְן, מֶען לֵייגְט גוּט צוּ דִי אוֹיגְן, זֶעט מֶען וִוי דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אַלֶעס אִיז אַ שֵׁיינֶע נִיגוּן, אַלֶעס זִינְגְט **'אֵייבֶּערְשְׁטֶער', 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער'**, אַלֶעס אִיז נָאר כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַנְעֶרְקֶענֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעווּאוּנְטְשְׁן דֶעם בַּעַל שִׂמְחָה:** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן דִי זֵיידֶעס זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נָאר שִׂמְחוֹת אוּן נַחַת.

אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ"**.

# סְעוּדָה שְׁלִישִׁית

שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָּארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן ה.

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס, אַז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז, זַיין נָאנְט צוּ דִיר, ווִיל אִיךְ עֶס אָן אַ שִׁיעוּר. אוּן אֲפִילוּ וֶוען ס'אִיז שְׁוַוארְץ, מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פְּרוּבִּירְסְט מִיר, דָאךְ זֶע מַיין הַארְץ, וִוי אִיךְ קוּק אַרוֹיס צוּ דִיר. טַאטֶע, טַאטֶע, טַאטֶע, אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר".**

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: מִיר וֶועלְן פָּארְלֶערְנֶען אִין שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן ה, וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פוּן זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, **"דָאס אִיז שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".**

## קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט

שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: **"וְכֵן הָיָה נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת ה'"**, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען יוּנְג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"וְכָל עֲבוֹדָתוֹ הָיָה בְּהֶצְנֵעַ גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד"**, אוּן זַיין גַאנְצֶע עֲבוֹדָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן, **"עַד שֶׁלֹּא יָדַע שׁוּם אָדָם מִמֶּנּוּ כְּלָל"**, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן אִים, **"כִּי הָיָה סָתוּם וְגָנוּז מְאֹד. וְכָל עֲבוֹדָתוֹ הָיָה בְּסֵתֶר וּבְהֶצְנֵעַ גָּדוֹל"**, וַוייל זַיין גַאנְצֶע עֲבוֹדָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן.

## גְלִיטְשְׁט זִיךְ אִין דִי שְׁנֵיי

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר, אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, זַיין שְׁוֶוער רֶבִּי אֶפְרַיִם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין אַ דֶערְפְל נֶעבְּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע מִיטְ'ן נָאמֶען 'הוּסְיַאטִין', אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען אִין הוּסְיַאטִין נֶעבְּן זַיין שְׁוֶוער. זַיין שְׁוֶוער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע צִימֶער אִין זַיין הוֹיז, דָארְט אִיז עֶר גֶעזִיצְן אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז אַ צַדִיק, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט ווִי אַ פָּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי'נְס שְׁוֶוער, הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דֶער רֶבִּי דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט ווִי עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט חֲבֵרִים אוּן גְלִיטְשְׁט זִיךְ אִין דִי שְׁנֵיי, אָבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶוענְט.

## דַאוֶּועגֶען אַזוֹי ווִי אַ קִינְד

**"וְעִקַּר עֲבוֹדָתוֹ בַּתְּחִלָּה הָיָה בִּפְשִׁיטוּת גָּדוֹל בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר"**, דֶער עִיקַר עֲבוֹדָה פוּן רֶבִּי'ן ווִי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז גֶעוֶוען פָּשׁוּטְ'עֶרְהֵייט, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת; זַיין דַאוֶּועגֶען אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי ווִי אַ קִינְד דַאוֶוענְט - אִינֶעווֵייניִג אִין אַ סִידוּר, אָן חָכְמוֹת, אָן דְרֵיידְלֶעךְ, אוֹיךְ זַיין לֶערְנֶען אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פָּשׁוּט.

## דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט

**"וְכָל דָּבָר וְדָבָר שֶׁעָשָׂה הַכֹּל הָיָה בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה וּבְכֹחַ גָּדוֹל וּבִמְסִירוּת נֶפֶשׁ"**, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ. **"וְלֹא הָיָה לוֹ שׁוּם דְּבַר עֲבוֹדָה שֶׁבָּא לוֹ בְּנָקֵל"**, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג. **"רַק כָּל דָּבָר וְדָבָר בָּא לוֹ בִּיגִיעָה גְדוֹלָה מְאֹד, שֶׁהָיָה מְיַגֵּעַ עַצְמוֹ כַּמָּה זְמַנִּים בִּשְׁבִיל כָּל דָּבָר וְדָבָר מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם"**, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט פַאר יֶעדֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַ לַאנְגֶע צַייט.

## פַאר יֶעדְן קוּמְט עֶס אָן שְׁוֶוער

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אַמָאל אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט זִיךְ פַאר גוּטֶע קַבָּלוֹת, מֶען הֵייבְּט אָן אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר, מֶען הֵייבְּט אָן דַאוֶּועגֶען, מֶען הֵייבְּט אָן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי מִדָּה, אוֹיף יֶענֶע מִדָּה, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער וֶוען מֶען זֶעט ווִי דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן זִיךְ אַז קַיין שׁוּם עֲבוֹדָה אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג, יֶעדֶע זַאךְ אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אִיז דָאס מוֹרָא'דִיגֶע חִיזּוּק פַאר אוּנְז, זֶעעֶנְדִיג ווִי פַאר יֶעדְן קוּמְט עֶס אָן שְׁוֶוער, אֲפִילוּ פַאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

## צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עֲלִיּוֹת וִירִידוֹת

**"וְהָיָה לוֹ כַּמָּה וְכַמָּה עֲלִיּוֹת וִירִידוֹת אֲלָפִים וּרְבָבוֹת עַד אֵין שִׁעוּר וָעֵרֶךְ"**, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עֲלִיּוֹת וִירִידוֹת. דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת; מֶען טְרַאכְט אֵייבִּיג: "דֶער צַדִיק אִיז אַ 'צַדִיק' וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן קַיין נִסְיוֹנוֹת, עֶס קוּמְט אִים אַלֶעס אָן גְרִינְג, אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין פַאלְן", אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָא אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט **"אֲלָפִים וּרְבָבוֹת עֲלִיּוֹת וִירִידוֹת"**, טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עֲלִיּוֹת וִירִידוֹת!

## מֶערְסְטְנְס טוֹיזְנְט מָאל!

גֶעווֶוענְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ פָאר אַ נֵייעֶ קַבָּלָה, אוּן הֵייבְּט עֶס אָן צוּ טוּן, עֶר פַאלְט אַרָאפּ אֵיין מָאל, עֶר פַאלְט אַרָאפּ נָאכְאַמָאל, עֶר פַאלְט אַרָאפּ אַ דְרִיטֶע מָאל, מַאכְט עֶר אָפּ: **"שׁוֹין, גֶענוּג גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט!"** אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אֵיינֶער קֶען זָאגְן אוֹיף זִיךְ "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער קַבָּלוֹת, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מָאל גֶעוָואלְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", קֶען זַיין הָאסְט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צְוֵויי מָאל, דְרֵיי מָאל, צֶען מָאל, צְוָואנְצִיג מָאל, הוּנְדֶערְט מָאל, מֶערְסְטְנְס טוֹיזְנְט מָאל! אָבֶּער נָאךְ טוֹיזְנְט מָאל פְּרוּבִּירְן אוּן דוּ פַאלְסְט נָאכְאַלְץ אַרָאפּ דַאן הֵייבְּסְטוּ שׁוֹין אוֹיף דִי הַאנְט: "אִיךְ גֶעבּ אוֹיף, עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט", אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: **"אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד 'צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מָאל', אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט מַיין ווִילְן!"**

## דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן

**"וְהָיָה קָשֶׁה וְכָבֵד עָלָיו מְאֹד מְאֹד לְהַתְחִיל לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת ה', לְקַבֵּל עָלָיו עֹל עֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ"**, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **"וְהָיָה רָגִיל לְהַתְחִיל אֵיזֶה יָמִים לַעֲסֹק בַּעֲבוֹדַת ה' וְאַחַר־כָּךְ נָפַל מִזֶּה"**, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אָנְצוּהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן, **"וְחָזַר לְהַתְחִיל"**, עֶר הָאט נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן, **"וְחָזַר וְנָפַל"**, אוּן אִיז נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן. **"וְכֵן הָיָה כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים"**, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען פִילֶע מָאל.

## פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן?!

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיין שִׁיעוּר? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיין דַאוֶּועגֶען? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיינֶע גוּטֶע קַבָּלוֹת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אָנְהֵייבּ יָאר צוּ טוּן דָאס יָאר? רוֹב מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שׁוֹין אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶע קַבָּלוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אָנְהֵייבּ יָאר צוּם נֵייעֶם יָאר, פַארְוָואס? וַוייל עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט הָאסְטוּ אוֹיפְגֶעגֶעבְּן? עֶס גֵייט נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם; פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיז עֶס אוֹיךְ נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ עֶס זָאל גֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ אַסַאךְ מְחַזֵּק זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## זֵייעֶר זֵייעֶר אַסַאךְ יְרִידוֹת אוּן עֲלִיּוֹת

**"עַד שֶׁפַּעַם אֶחָד נִתְחַזֵּק אֶצְלוֹ שֶׁיִּהְיֶה חָזָק מְאֹד שֶׁיֹּאחֵז בַּעֲבוֹדַת ה' לְעוֹלָם, וְלֹא יִסְתַּכֵּל עַל שׁוּם דָּבָר בָּעוֹלָם, וּמֵאָז וָהָלְאָה נִתְחַזֵּק לִבּוֹ בָּה"**, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעמַאכְט 'דָאס אִיז עֶס, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּן גָארְנִישְׁט'. **"וְאַף־עַל־פִּי־כֵן גַּם אַחַר־כָּךְ הָיָה לוֹ תָּמִיד עֲלִיּוֹת וִירִידוֹת הַרְבֵּה מְאֹד מְאֹד"**, פוּן דֶעסְט וֶועגְן דָאךְ, נָאכְ'ן אָפְּמַאכְן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט אַז עֶר גֵייט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ יְרִידוֹת אוּן עֲלִיּוֹת, **"רַק שֶׁאַחַר־כָּךְ הָיָה חָזָק שֶׁלֹּא יַנִּיחַ עֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ לְעוֹלָם, אַף־עַל־פִּי שֶׁיֵּשׁ לוֹ יְרִידָה לִפְעָמִים, אַף־עַל־פִּי־כֵן יִהְיֶה מִתְחַזֵּק עַצְמוֹ בַּעֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ בְּכָל מַה שֶּׁיּוּכַל"**, אָבֶּער עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן זַיין עֲבוֹדָה, עֶר הָאט שׁוֹין בַּאשְׁלָאסְן "דָאס אִיז עֶס, אִיךְ וֶועל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס עֶס זָאל זַיין".

## זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע וָואכְן פוּן שׁוֹבָבִי"ם, דִי חוּמָשׁ אַלֵיינְס אִיז שׁוֹין גֶענוּג צוּ מְעוֹרֵר זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ. מֶען זֶעט ווִי דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט אוּן גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, וָואס הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן? זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעקְרֶעכְצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי צוּגֶעהֶערְט, דֶער

אײבּערשטער האָט אָנגענומען זײער געשרײ.

## אָט בּײ פַּרעֹה און אָט בּײ משה רבּינו

משה רבּינו איז געגאַנגען צו פַּרעֹה זאָגן ער זאָל אַרױסשיקן די אידן פון מצרים און פַּרעֹה האָט נישט געװאָלט, איז משה רבּינו נאָכאַמאָל געגאַנגען צו פַּרעֹה און פַּרעֹה האָט נאָכאַמאָל נישט געװאָלט, אַזױ האָט זיך איבּער גע'חזר'ט עטליכע מאָל משה רבּינו האָט זיך געקריגט מיט פַּרעֹה. דאָס איז אַ מלחמה װאָס גײט איבּער אויף יעדן, אײנמאָל איז דער מענטש בּײ פַּרעֹה און אײנמאָל איז ער בּײ משה רבּינו, אָט בּין איך בּײ פַּרעֹה און אָט בּין איך בּײ משה רבּינו. װאָס איז 'פַּרעֹה'? מוהרא"ש בּרענגט בּשם דער הײליגער אַריז"ל (ספר הלקוטים, פּרשת שמות, סימן ב, דיבּור המתחיל דע): "'פַּרעֹה' איז די אותיות 'פּה רע'"; װען אַ מענטש האָט אַ שמוציג מויל, װען אַ מענטש האָט אַ שלעכטע מויל, ער רעדט נישט אײדל, ער רעדט לשון הרע, ער רעדט נישט קײן גוטע זאַכן, ער רעדט שטותים, ער רעדט דבָרים של מה בּכך, דאַן איז ער בּײ 'פַּרע"ה', װײל ער האָט אַ 'פּה רע' - אַ שלעכטע מויל, און װען ער טוט תשובה, ער הערט אויף רעדן די אַלע זאַכן, דאַן איז ער בּײ משה רבּינו, בּײם צדיק.

## ער לױפט גלײך צום צדיק

אַ מענטש קען אַמאָל זײן בּײ פַּרע"ה, ער רעדט שמוציגע רײד, אָבער ער לױפט גלײך צום צדיק, צו משה רבּינו, ער זאָל אים אױסהײלן, דערנאָך קומט פַּרעֹה צוריק, דער מענטש פאַלט נאָכאַמאָל אַראָפּ מיט זײן שלעכטע מויל, אָבער ער איז זיך װײטער מחזק, און קומט נאָכאַמאָל צוריק צום צדיק, צו משה רבּינו. דאָס האָבן מיר הײנט געהאַט אין די גמרא (מגילה יג:): **"אסתר המלכּה היתה עומדת מחיקו של אחשורוש"**, אסתר המלכּה איז נעבעך פאַרכאַפּט געװאָרן אין פּאַלאַץ פון אחשורוש, און זי איז אַראָפּגעפאַלן אין 'חיקו של אחשורוש', מיט אַלע גוטע תירוצים אַז זי איז געװען אַן אונס, מען האָט איר געצװוּנגען צו זײן מיט אחשורוש, דאָך איז זי למעשה געװען מיט אחשורוש, האָט זי זיך געקענט מײאש זײן, דאָך האָט זי זיך מחזק געװען, װאָס האָט זי געטון? **"וטובלת"** - זי איז געגאַנגען אין מקוה זיך רײניגן פון די עבירה, **"וי ושבת בּחיקו של מרדכי"**, און צוריק אַרױף אויף 'חיקו של מרדכי', זי איז געלאָפן צום צדיק.

## די עצות פונעם צדיק

דאָס איז אַ לימוד פאַר אונז, אַפילו אַ מענטש איז אַראָפּ געפאַלן אַזױ װײט, ער פאַלט נעבעך אַראָפּ אין חיקו של אחשורוש, מיט גוים רחמנא לצלן, בּין איך זיך מחזק, איך גײ זיך טובל'ן און איך גײ צוריק צום צדיק, איך גײ נעמען די עצות פונעם צדיק װי אַזױ אָנצוהײבן פון דאָסנײ.

## זאָג אַרױס אַ װאָרט צום אײבּערשטן

אַפילו עס איז זײער בּיטער, וימררו את חייהם (שמות א, יד), איך האָב אַ בּיטערע לעבן, האָבן מיר אָבער די הײליגע צדיקים װאָס זענען אונז מחיה, זײ לערנען אונז אױס, גײ צום אײבּערשטן, שרײ צום אײבּערשטן, זאָג אַרױס אַ װאָרט צום אײבּערשטן.

## מער פון אַלע תעניתים און סגופים

דער הײליגער אַריז"ל האָט מגלה געװען תיקונים װיפיל מען דאַרף פאַסטן אויף יעדע עבירה, צום בּײשפּיל, אַ מענטש װאָס האָט געזינדיגט אין פּגם הבּרית - הוצאת זרע לבטלה דאַרף פאַסטן פ"ד תעניתים, פיר און אַכציג טעג, און אַזױ װײטער, האָט זײן גרױסער תלמיד רבּי חיים ויטאַל זכותו יגן עלינו געפרעגט זײן רבּי'ן, דער אַר"י הקדוש: װי אַזױ קען אַ מענטש פאַסטן אַזױפיל טעג צו פאַררעכטן אַלעס װאָס ער האָט געזינדיגט? האָט אים זײן רבּי געענטפערט (עיין שער הגלגולים, הקדמה לח): אין די שפּעטערדיגע דורות װאָס איז אַזױ שװער מיט די נסיונות, װען אַ איד געבּט אײן קרעכץ צום אײבּערשטן: **"רבּונו של עולם איך װיל זײן אַ איד"**, **"רבּונו של עולם עס איז מיר זײער שװער, איך װיל זײן װאויל, איך טו תשובה"**, העלפט דאָס מער פון אַלע תעניתים און סגופים. דאָס איז װאָס דער רבּי האָט אונז אױסגעלערנט, די זאַך פון 'התבּודדות', דאָס איז אַזאַ זיסע עצה, אַזאַ זיסע װעג, אַ זאַך װאָס יעדער קען טון, און מיט דעם װישט מען אָפּ אַלע פלעקן פון די עבירות.

## עס איז דאָ אַן עצה פאַר שובבי"ם

דאָס דאַרפן מיר שרײען אין די גאַסן: "עס איז דאָ אַן עצה פאַר שובבי"ם"; מענטשן זענען זײער מיואש, עס איז דאָ מענטשן װאָס װילן נישט הערן דאָס װאָרט 'שובבי"ם', עס דערמאָנט אים פון ישיבה װי מען האָט אים געפּײניגט, מען האָט אים משוגע געמאַכט.

## שובבי"ם - נאָר אײן רעפטל בּרױט

אין אַלע ישיבות זענען דאָ משגיחים, חשוב'ע אינגעלײט; אָבער לײדער לײדער נעמט מען אויך אויף נעבעכדיגע אינגעלײט אַלס משגיחים, זײ שמועסן מיט די בּחורים בּײ מיטאָג, און יונגע בּחורים האָבן דאָך אַלץ קשיות אין עבודת השם, זײ װילן דינען דעם אײבּערשטן, איז דער משגיח זײ מסבּיר װאָס עבודת השם איז... ער איז מחנך דעם בּחור ער זאָל װיסן אַז שובבי"ם עסט מען נאָר אײן רעפטל בּרױט, און מען לײגט נישט קײן צוקער אין די קאַװע... ער מאַכט משוגע די בּחורים, שפּעטער װען דער בּחור װאַקסט אויף װיל ער נישט װיסן פון שובבי"ם, ער לאַכט זיך אױס פון די גאַנצע שובבי"ם, װײל ער האָט נישט קײן כּח צו די אַלע זאַכן.

## מען קען זיך צוריק קערן צום אײבּערשטן

אָבער בּרוך השם אַז מען װערט מקורב צום רבּי'ן, זאָגט דער רבּי אַנדערע סאָרט דיבּורים, שובבי"ם קען מען זיך צוריק קערן צום אײבּערשטן, מען זאָגט פאַר'ן אײבּערשטן: **"רבּונו של עולם איך װיל זײן װאויל"**.

## כּי שבע יפּול צדיק וקם

און אַז איך בּין נאָכאַמאָל אַראָפּגעפאַלן װעל איך נאָכאַמאָל אָנהײבן, אַזױ װי דער רבּי האָט דערצײלט אַז ער איז אויך אַראָפּגעפאַלן פילע מאָל, און יעדעס מאָל האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעהױבן פריש צו דינען דעם אײבּערשטן. און אַזױ איז עס מיט אַלע צדיקים, זײ פאַלן אויך אַראָפּ אָבער זײ זענען זיך מחזק, אַזױ װי דער פּסוק זאָגט (משלי כד, טז): **"כּי שבע יפּול צדיק"**, דער צדיק פאַלט אַראָפּ, אָבער: **"וקם"**, ער שטעלט זיך צוריק אויף.

## גײן אין שול דאַװענען

אַפילו איך בּין שױן אַזױ אַראָפּגעפאַלן, איך בּין שױן לאַנג מיואש פון דאַװענען, שױן אַ לאַנגע צײט װאָס איך דאַװען נישט קײן שחרית, מנחה און מעריב, גײ איך יעצט אָנהײבן פון פריש, איך גײ גײן אין שול דאַװענען שחרית, מנחה און מעריב, דאָס איז מײן שובבי"ם.

## שנים מקרא ואחד תּרגום איז אַ תיקון הבּרית

איך גײ אָנהײבן לערנען יעדן טאָג אַבּיסל חומש - שנים מקרא ואחד תּרגום; זונטאָג בּיז שני, מאָנטאָג בּיז שלישי און אַזױ װײטער בּיז סוף װאָך. אַז מען פאָלגט די װעג װאָס מוהרא"ש האָט אַרײנגעבּרענגט, איז עס אַ מחיה. מוהרא"ש בּרענגט אַז דאָס איז אַ 'תיקון השובבי"ם', אַזױ װי דער רבּי זאָגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן יט) אַז שנים מקרא ואחד תּרגום איז אַ תיקון הבּרית.

## זאָג כאָטש אײן פּרק משניות

אויך איז זאָגן פּרקים משניות אַ 'תיקון השובבי"ם'. זאָג װיפיל פּרקים משניות דו קענסט, אַסאַך מענטשן לערנען נישט קײן משניות װײל צו ח"י פּרקים האָט ער נישט קײן צײט, ממילא זאָגט ער שױן גאָרנישט; זאָג כאָטש אײן פּרק, צװײ פּרקים, דאָס איז זײער חשוב בּײם אײבּערשטן.

## גמרא פאַרבּרענט אים אינגאַנצן

ועל כּולם איז 'לימוד הגמרא'. מוהרא"ש שרײבּט אַז דער יצר הרע װעט אַלעס לאָזן דעם מענטש טון, אױסער עפּענען אַ גמרא, דאָס קען ער נישט נעמען, װײל גמרא פאַרבּרענט אים אינגאַנצן. אַז אַ בּחור אָדער אינגערמאַן זעצט זיך אַװעק מיט אַ גמרא, ער זאָגט אַ דף גמרא, ער פּרובּירט צו פאַרשטײן אַ דף גמרא, יעדער אויף זײן אופן, פאַרװאָס לערנט ער, ער דאַרף כּבוד? װאָס װעט ער האָבן דערפון? ער לערנט דאָך פאַר'ן אײבּערשטנ'ס װעגן, פאַרבּרענט ער אַלע קליפּות, ער פאַרבּרענט אַלע משחיתים װאָס ער האָט בּאַשאַפן. װעגן דעם זעט מען אַן אינטערעסאַנטע זאַך, װען עס קומט צו לערנען גמרא שטיפּט מען עס אָפּ "בּאַלד װעל איך לערנען", װײל דער יצר הרע פאַרגינט נישט דער מענטש זאָל לערנען אַבּיסל גמרא. װילאַנג נעמט צו לערנען אַ דף גמרא? מיר האַלטן יעצט אינמיטן מסכת מגילה, עס אַזעלכע שײנע דפים, לאָמיר זאָגן יעדן טאָג דעם דף גמרא.

דער אײבּערשטער זאָל העלפן מיר זאָלן פאָלגן דעם רבּי'ן װעלן מיר האָבן אַ שײנע לעבן, אָמן.